ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

## כ"ט כסלו תשס"ו

## פרשת מקץ

טייערע קינדער שלוחים

א פריילעכ'ן חנוכה צו אלע די טייערע חשמונאים פון היינט! איין..צוויי..דריי..פיר..פינף..זעקס..זיבן. מיר האלטן יעצט ביי די זיבעטע ליכטל פון חנוכה –ראש חודש טבת. דעם שבת איז א גרויסע שבת, שבת חנוכה און ראש חודש. אויף שבת זאגן מיר די לענגסטע בענטשן – מיר זאגן רצה–פאר שבת, יעלה ויבא– פאר ראש חודש, און ועל הניסים – פאר חנוכה. דעם שבת איז א צייט צו טראכטן אויף אלע הוראות וואס מיר לערנען פון חנוכה און זען ווי אזוי מען קען דאס נוצן לפועל.

די קומענדיקע וואך איז די גרויסע יום טוב פון ה' טבת. ווי איר וועט לייענען איז די נצחון פון די ספרים אויף ה' טבת געווען א גרויסער נצחון פאר'ן רבי'ן און חסידים. לאמיר בעטן ביים אויבערשטן אז פון די גרויסע טעג פון שמחה זאלן מיר גיין צו די גרעסטע שמחה פון משיח נאו!!

א. וועכטער



# משיח נאו!

א איד דארף זיין אזוי פארנומען מיט טראכטן אויף משיח'ן אז יעדער זאך וואס ער זעהט און הערט זאל אים דאס דערמאנען. דער רבי זאגט אז ווען א איד לייענט פרשת מקץ, זאגט ער "אהא! דאס דערמאנט מיר די קץ– ענדע פון די גלות." און ווען ער לייענט וועגן די מנורה פון די בית המקדש, ערוועקט דאס אין אים א בענקעניש צו זען די מנורה אין די בית המקדש השלישי!!

*קאליר די קעסטעלאך וואס האבן א פינטעלע אינעווייניג צו זען וואס מיר זאגן יעדן טאג חנוכה.*

לעילוי נשמת
**אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער**
**בן הרה"ח ר' נפתלי שו"ב ע"ה יוניק**
**זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים**
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה
נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

# לעבן מיט דער צייט



## פרשת מקץ

די היינטיקע סדרה ווערט אנגערופען "מקץ", וואס דער טייטש פון "מקץ" איז - די ענדע.

פון וואס איז דאס געווען די ענדע?

דערציילט די תורה, אז יוסף, יעקב אבינו'ס א קינד איז געווען אין א ניט גוטן צושטאנד. ער איז געווען אין ארץ מצרים, און דארט גופא איז ער געזעסן אין "בית הסוהר", אין "דזשעיל". און אויף דעם זאגט די תורה "ויהי מקץ" - עס האט זיך געענדיקט די צייט וואס יוסף איז דארט געזעסן.

דערפון קען מען ארויסנעמען אן אלגעמיינע אנווייזונג פאר יעדער אידן, און ספעציעל קינדער פון "צבאות ה'":

די מלחמה פון "צבאות ה'" איז דאך קעגן דעם יצר הרע, וואס דער יצר הרע איז זייער "טריקי" ("ערום"). וויסנדיק אז ער האט צו טאן מיט אידישע קינדער וואס לערנען תורה און זיינען מקיים מצוות, זוכט ער ספעציעלע "טריקס" דורך וועלכע ער מיינט אז ער וועט ביי זיי קענען עפעס אויספירן חס ושלום. ער האלט אין איין אויסטראכטן נייע טענות און סברות, וואס באמת זיינען זיי אלע שקר, ליגנס, נאר דער יצר טראכט אז אפשר וועט ער קענען דערמיט אפנארן א אידיש קינד. און דערפאר גיט דער אויבערשטער ספעציעלע אנווייזונגען און עצות ווי אזוי ניט צו נתפעל ווערן פון אט די טענות און ליגנס, און פארקערט, האבן דעם פולשטענדיקן נצחון איבער דעם יצר.

איינע פון אט די טענות איז:

דער יצר קומט אמאל צו א אידיש קינד און זאגט אים:

אמת, עס איז אלץ ריכטיק אז דו געהערסט צו "צבאות השם", ובמילא דארפסטו ערפילן אלע אנווייזונגען פון דיין "קאמענדער–אין– טשיף", לערנען תורה און מקיים זיין מצוות. אבער ווען איז דאס גערעדט געווארן, ווען אידן זיינען געווען און ארץ ישראל מיט א בית המקדש. אבער יעצט, ווען דער גאנצער אידישער פאלק - צוזאמען מיט דיין מלמד און מדריך ("טיטשער") - געפינט זיך אין גלות, און עס זיינען דא פילע שטערונגען אויף קענען לערנען תורה און מקיים זיין מצוות, דארפסט ניט מקיים זיין אלע זאכן פון תורה און מצוות!

דערווייל ווארט צו - טענה'ט דער יצר - ביז משיח וועט קומען און וועט ארויסנעמען דיר, צוזאמען מיט דיין "טיטשער" און עלטערן, פון גלות און וועט ברענגען די גאולה. דעמאלט, ווען דו וועסט זען דעם בית המקדש, צוזאמען מיט משה און אהרן און אלע צדיקים - וועט זיין די

*(המשך אין עמוד 2)*

# דעם חסידישן לוח



דידן נצח!! דידן נצח!!
חסידות האט געוואונען!!
עס איז קלאר צו אלעמען
אז דער אמת האט מען געפונען.
פון דעם טאג דארף מען נעמן
א ספעציעלע הוראה, מיין פריינט.
צו פרעגן זיך יעדן טאג
וואס האב איך געלערנט היינט?!
ווייל נאר דורך דעם לערנען פון חסידות פון תורה
ברענגען מיר דעם עיקר נצחון– גאולה!!

## די מעשה פון ה' טבת

ביסטו אמאל געווען אין דער רבי'ס ביבלאטעק (לייברערי)? האסטו געזען ווי גרויס איז דער ביבלאטעק, און וויפל אלטע, הייליגע ספרים זיינען פאראן? קינדער, יארן צוריק, האט נאך אימיצער געזען די ספרים און האט זיך זייער געגלוסט צו זיי.

הערט אייך גוט צו צו די פרטים פון די "מאסר וגאולת" הספרים פון ה' טבת.

דער פריערדיקע רבי האט געהאט א גרויסע ביבלאטעק פון ספרים וואס ער האט געקליבן פון איבעראל. דעם ביבלאטעק איז געווען איינער פון די פעולות פון אגו"ח– אגודת חסידי חב"ד, איינער פון די מוסדות פון דער פריערדיקע רבי.

יארן נאך י' שבט, האט איינער פון דעם פריערדיקן רבי'ס משפחה אנגעהויבן טראכטן וועגן דעם ביבלאטעק. "דעם ביבלאטעק האט אין זיך אסאך ספרים. די ספרים זיינען ווערד אסאך געלט. איך וויל האבן הנאה פון די ספרים. און באמת טאקע האב איך א רעכט צו דעם. ווייל דער פריערדיקן רבי איז געווען מיין זיידע, און קינדער און אייניקלאך באקומען א ירושה פון א מענטש נאכדעם וואס ער איז נסתלק!!!"

נאך דעם ווי דער קרוב האט אנגעהויבן גנב'נען די ספרים פון דעם ביבלאטעק ביינאכט, האט מען געהערט דעם רבין'ס ענטפער זייער קלאר. די ביבלאטעק איז ניט געווען א פריוואטע זאך פון דער פריערדיקע רבי, נאר דאס איז איינע פון די מוסדות וואס זיינען פארבונדן מיט חסידים און חסידות. און חסידים און חסידות זיינען ניט געשטארבן!!!! (ר"ל) און וויבאלד די חסידות פון דעם פריערדיקן רבי'ן גייט אן ווייטער, קען מען ניט רעדן וועגן ירושות. די אורטייל איז

(המשך אין עמוד 3)

*(המשך פון לעבן מיט דער צייט)*

פאסענדע צייט צו לערנען תורה און מקיים זיין מצוות מיט דער פולסטער שלימות!

דער יצר זאגט א אידיש קינד: דו ביסט דאך א קלוגע קינד, און דו ווייסט אז דער אויבערשטער האט דיר געשיקט אין גלות, וואו עס זיינען דא שטערונגען אויף לערנען תורה און מקיים זיין מצוות, איז דאך דערפון אליין א ראי' אז דער אויבערשטער וויל ניט אז דו זאלסט איצט מקיים זיין אלע מצוות. ובמילאווארט ביז דער אויבערשטער וועט אונז שיקן משיח'ן און אויפבויען דעם בית המקדש, וואס דאס איז דער סימן אז דער אויבערשטער וויל אז דו זאלסט קומען אין בית המקדש און לערנען תורה און מקיים זיין מצוות!!

דער אמת איז אז דער טענה האט גאר קיין ארט ניט. ווארום גלייך אין דעם ערשטן פסוק פון חומש שטייט "בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ", אז דער אויבערשטער האט באשאפן די הימלען און די ערד, און מיט זיין כח האלטן זיי זיך אלעמאל, סיי אין דער צייט ווען דער בית המקדש איז געשטאנען סיי אין דער צייט פון גלות - אלעמאל איז דער אויבערשטער דער וואס באשאפט די שמים און ארץ. איז במילא פארשטאנדיק אז מען דארף זיך אלעמאל אויפפירן געניו ווי דער אויבערשטער האט אנגעוויזן אין זיין תורה, אן אונטערשייד צי דאס איז אין צייט פון בית המקדש אדער אין צייט פון גלות.

אבער גאר א ספעציעלע אנווייזונג, "ארדער–אוו–די–דעי", האט מען פון פרשת מקץ:

דער אויבערשטער זאגט אן יעדער אידיש קינד - "מקץ"!

פונקט ווי ס'איז געווען אן ענדע צו יוסף'ס זיין אין "דזשעיל", אזוי איז א זיכערע זאך אז ס'וועט זיין אן ענדע צו דעם איצטיקן גלות.

נאך מער: "מבית האסורים יצא למלוך"(פון "בית האסורים" איז יוסף באלד געווארן א מלך). יוסף איז ארויסגענומען געווארן פון "בית האסורים" כדי צו פותר זיין דעם חלום פון פרעה, און דורך דעם איז ער גלייך געווארן א "משנה למלך"(צווייטער צום קעניג),וואס "בלעדך לא ירים איש את ידו ואת רגלו"(אן דיר טאר קיינער ניט אויפהויבן זיין האנט און זיין פוס).

די זעלבע זאך איז אויך בנוגע צו אונזער גלות– וואס ווערט אנגערופן, ווי באוואוסט, א "חלום", ווי עס שטייט "היינו כחולמים": מען דארף וויסן, אז ניט קוקנדיק אויף דעם וואס מיר געפינען זיך אין "בית האסורים" פון גלות, קומט גלייך די גאולה, און יעדער איד (זייענדיק א בן יחיד פון דעם אויבערשטן)ווערט א "משנה למלך" - צום מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, וואס אידן ווערן אנגערופן "בני מלכים" ביז "מלכים" *ממש*.

און דאס דארף מען שטענדיק געדענקן, אז אט אט קומט די ענדע פון דעם איצטיקן גלות, און דאס הענגט אפ אין אים.

ובמילא קומט אויס פונקט פארקערט ווי דער יצר זאגט: דוקא דורך דעם וואס זייענדיק אין גלות וועט מען לערנען נאך מער תורה און מקיים זיין נאך מערער מצוות, וועט דער "מקץ" פון גלות קומען נאך פריער!

---

# ראש חודש טבת

ראש חודש טבת וועט זיין די קומנדיקע שבת און זונטאג

- ☐ איך האב געזאגט יעלה ויבא אין שמונה עשרה און אין מיט'ן בענטשינג
- ☐ איך האב געזאגט הלל נאך שמונה עשרה
- ☐ איך האב געדאווענט מוסף
- ☐ איך האב געזאגט "ברכי נפשי" נאך שיר של יום

*(המשך פון דעם חסידיש'ן לוח)*

ניט נאר געווען אויף די ספרים, האט אונז דער רבי געזאגט, נאר אויף דעם "בענקל". א שאלה אויב דער נשיאות - דעם בענקל וואס דער רבי זיצט - איז א המשך פון דער פריערדיקן רבי'ן, און איז א באוויז אז חסידות גייט אן ווייטער!!

קען מען פארשטיין ווי ערנסט די מצב איז געווען!!

האט מען געזען אז מען האט ניט קיין ברירה און מען מוז נעמען דעם קרוב צו א בית דין. און אויב ער וועט ניט קומען צו א אידישן בית דין, וועט מען אים נעמען צו א גוי'שן געריכט. איינע פון די שטארקסטע זאכן וואס האט געהאלפן צו דעם נצחון פון דעם אורטייל איז געווען די הייליקע רייד פון רביצין חי' מושקא. "דער רבי און די ספרים באלאנגען צו חסידים!!" האט זי געזאגט.

אויף ה' טבת תשמ"ז האט מען גע'פסק'נט אז עס איז קלאר אז דעם ביבלאטעק באלאנגט צו די חסידים אונטער דעם נשיאות פון דעם רבי'ן!!

די שמחה איז געווען אזוי גרויס ווען מען האט געהערט די פסק דין, אז מען האט געטאנצט אין די גאסן מיט אן אויסערגעוויינליכער שמחה. דער רבי האט זיבן טעג געזאגט שיחות, און מען האט פארברענגט מיט שמחה א גאנצע וואך. אבער דער רבי האט געזאגט קלאר צו די אלע וואס האבן געוואלט ממשיך זיין דער פארברענגען נאך ווייטער, אז דעם נצחון פון די ספרים איז ווען מען לערנט אין זיי!! יעדן יאר פייערן מיר ה' טבת אלץ א ספעציעלן יום טוב. מיר קויפן נייע ספרים, און בעיקר לערנען מיר פון די הייליקע ספרים! לאמיר בעטן אין דעם הייליקן טאג אויף די גאולה פון אלע ספרים, און בעיקר אונזער גאולה –תיכף ומיד ממש!!




*חנוכה איז א צייט צו דערציילן נסים. די גרעסטע נס איז ברענגען א נשמה צוריק צו איר שורש - צו אידישקייט.*

עס ווערט דערציילט וועגן א בעלזער חסיד וואס האט ניט פארשטאנען די גרויסקייט פון די וועג פון חסידות חב"ד. דערפאר האט ער געטראכט און גערעדט שלעכטס ר"ל אויף חסידות, אויף דער רבי און בעיקר וועגן דער ענין פון שליחות און מבצעים.

"פארוואס זיינען ליובאוויטשער חסידים אזוי פארנומען מיט אידן וואס היטן ניט אפילו תורה ומצוות?" האט ער זיך געוואונדערט.

נאך א געוויסע צייט איז עפעס געשען צו דעם זון פון דער בעלזער חסיד. ער האט אנגעהויבן אוועק גיין פון דעם הייליגן וועג פון אידישקייט. וויפל מען האט גערעדט מיט אים און געבעטן אז ער זאל צוריקקומען האט ניט געהאלפן, און ער איז נאר אוועקגעגאנגען ווייטער אן ווייטער. דאס האט זיך געשלעפט א פאר יאר און קיינער פון דעם משפחה האט ניט געוואוסט וואס צו טאן.

איינמאל, ווען דער בחור איז געווען אויפ'ן וועג, האט ער געזעהן א ליובאוויטשער בחור וואס האט אים געבעטן לייגן תפילין. ער האט ניט געוואלט, אבער דער בחור האט אים ניט אויפגעהערט בעטן. "אז ניט פאר זיך", האט ער געזאגט, "טו דאס פאר מיר, אלס א פערזענליכע טובה."

די ערנסקייט פון זיין געבעט האט שטארק אנגערירט דעם בחור און ער האט מסכים געווען צו לייגן תפילין. איידער דער ליובאוויטשער בחור האט אים געקענט העלפן מיט די תפילין האט ער שוין אליין געלייגט די תפילין און ער האט אנגעהויבן זאגן די ברכה.

דער ליובאוויטשער בחור האט זיך זייער אינטערעסירט צו וויסן פון וואנען קומט דער בחור. ער האט אנגעהויבן רעדן מיט אים און האט געהערט זיין גאנצע מעשה, פון וואנען ער איז געקומען, און ווי ווייט ער איז געווען איצט. דורך די פריינטליכע רייד פון דער ליובאוויטשער בחור איז פארשאפן געווארן צווישן זיי א שטארקע פארבונד. סוף סוף, דורך דעם פארבונד, איז דער בחור צוריק געקומען צום וועג פון אידישקייט.

איר קענט זיך פארשטעלן ווי צופרידן די עלטערן זיינען געווען! און ווען זיי האבן אויסגעפונען אז דאס איז געקומען בזכות א ליובאוויטשער בחור, האט דער טאטע זייער שטארק חרטה געהאט אויף אלס וואס ער האט געזאגט וועגן דעם רבי'ן און וועגן חסידות.

ער האט באשלאסן פארן צום רבי'ן בעטן מחילה, און אפדאנקען דעם רבי'ן אויף ראטעווען זיין זון.

"אט יעצט פארשטייסטו" האט דער רבי געזאגט "ווי עס טוט וויי ווען אן אייגן קינד גייט אוועק ר"ל פון אידישקייט. און נאר יעצט קענסטו פארשטיין די אויסערגעוויינליכע שמחה וואס איז דא ווען ער קומט צוריק. אט דעם זעלבן צער פיל איך אויף יעדן איד וואס איז ווייט פון תורה, און מיט אט דעם גרויסן שמחה פריי איך ווען ער קומט צוריק!"

*טייערע קינדער שלוחים, זעהט וואס פאר א גרויסן זכות איר האט צו זיין א חלק פון דעם הייליגן עבודת השליחות וואס ברענגט דעם רבי'ן אזוי פיל שמחה!!*

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

ב"ה

*פאקס צו די שלוחים אופים פאר יום רביעי און דו קענסט געווינען א פרייז!*
*(718) 221-0985*

נוצט די "קאד" צו געפינען די חנוכה פתגמים:

| א | ב | ג | ד | ה | ו | ז | ח | ט | י | כ | ך | ל |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 5 | 91 | 8 | 6 | 25 | 11 | 14 | 13 | 45 | 88 | 76 | 21 | 19 |

| מ | ם | נ | ן | ס | ע | פ | ף | צ | ץ | ק | ר | ש | ת |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 67 | 1 | 100 | 74 | 8 | 2 | 15 | 23 | 18 | 3 | 21 | 33 | 74 | 98 |

1. 5 / 15 33 88 88 19 76 74 / 13 100 11 76 25 !



2. 74 19 11 13 88 1 / 91 5 19 88 88 76 45 74 / 6 88
11 11 2 19 45 !



3. 100 33 / 67 18 11 25 / 11 98 11 33 25 / 5 11 33 .



4. 5 / 21 19 88 88 100 2 / 19 88 76 45
91 5 19 88 88 76 45 / 6 88 / 15 88 100 8 45 2 33 .



5. 67 88 / 76 67 11 21 / 91 5 19 88 1 / 25 .





חני וויל פארן אויף מבצעים. העלף חני געפינען דעם מנורה.

נאמען: ______________ ווי אלט: ____

אי-מייעל: ______________

**דער געווינער פון פרשת וישב:**
**זאב קאפלאן, 8, קנדה**

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org